# לאפרושי מאיסורא

אויסער די באקאנטע פראָבלעמען אז מאסען פראָדוקציע איז א סתירה צו כשרות וואס פאָדערט זיך מתינות ווי שחיטה בדיקה ניקור מליחה ווייל מיט שנעלקייט קען מען נישט מיט מענטשליכע כוחות דאס נאָכקומען, איז איצט באקאנט געווארען נאך א פראבלעם וואס פירט זיך שוין לאנגע יאהרען אז לעיבער ווערט נישט געבראָטען אויפ׳ן פייער, אין גרעסערע פלעצער וואס מען בראָט א סאך אויפאמאָהל איז נישט גרינג מען זאל נעמען א סאך מענטשען און זאלען נעמען די לעיבער און בראָטען אויפ׳ן פייער (און ווידער פון דערהיים האט מען ליידער ארויסגעוואָרפען דאס אליין זיך אָפגעבען מיט כשרות, מען איז פארנומען מיט אלע הבלי עולם הזה אבער אליינס כשר מאכען אזוי ווי אמאהל מדקדק זיין בהלכה וויל מען היינט נישט) נעמט מען די לעבער און מען לייגט דאס אריין אין אויוועז, עטליכע ערטער אפי׳ אין עלעקטרישע אויוועג׳ס, עס הייסט אז מען צינד אָהן די אויוועג׳ס אויף א הויכע גראד, די לעבער ליגט נישט אויפ׳ן פייער נאר עס ליגט אויף טעצלעך און פארשטייט זיך אז דאס ווערט נישט געבראטען נאר איינפאך געבאַקען און עס נעמט טאקע לענגער, און ביז דאס ווערט אינגאנצען פארטיג איז דאך דאס פולט ובולע, עס איז אויך שטארק קענטיג אויף די לעבער וואס ווערט געבאקען אז עס איז א סאך ווייכער, און אפילו עס איז שטארק געבאקען און עס זעהט אויס ווי געבראטען, איז עס נישט די זעלבע ווייל וואס מיר ווייסען פון חז״ל אז נורא משאיב שאיב איז נאר אזוי ווי מען האט זיך געפירט אין אלע דורות אז מען לייגט ארויף די לעבער דירעקט אויפ׳ן פייער און דעמאלט ציהט דאס פייער ארויס דאס בלוט:

ווי קענען מיר מאכען נייע זאכען און זיך ארום שפילען מיט איסורי כרת, פארשטייען מיר דען וואס די חז״ל האבען פארשטאנען, זיי זאגען דאך אונז אם הראשונים כמלאכים וכו׳:

ומענין לענין באותו ענין איז דא אויך א פראבלעם מיט׳ן זאלץ וואס עס קומט געמישט מיט א סאך ערליי כעמישע זאכען וואס פארשטייט זיך אז דאס איז משנה דעם זאלץ און מיר טאָרען נישט נוצען אנדערע זאכען, מיר פארשטייען נישט וואס אונזערע חז״ל האבען פארשטאנען, מיר קענען נאר נוצען זאלץ אויף כשר׳ן, מיר ווייסען נישט וואס אנדערע שארפע זאכען טוען:

מען געוויינט זיך צו צו ״התירים״ פון בדיעבד וכדומה אפי׳ ווען עס איז נישט דא א היתר פון בדיעבד און אפי׳ ווען עס איז נישט א בדיעבד נאר לכתחלה, אזוי אז דער נייער דור מיינט שוין היינט אז לכתחלה דארף מען זיין א איד און ״בדיעבד״ מעג מען זיין א גוי ח״ו:

ווי לאנג נאך וועלען מיר זיך פיטערען מיט מאכלות אסורות, עס איז וויכטיג צוריק צוגעבען פאר די פרויען די חשוב׳ע מצוה אליינ׳ס כשר צו מאכען אזוי ווי אין אלע דורות, מען מוז נישט זיך פארפליישיגען יעדען טאג אזוי ווי די סוחרים האבען אונז פארגעשריבען צוליב זייערע ביזנעס:

ובזכות זה זאל אונז דער בורא כל עולמים שוין שיקען דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.

נ.ב. מיר בעטען יעדען איד אשר יראת ה׳ נוגע ללבבו צו מאכען פאָטאָ קאָפּיעס פון דעם און פארשטענדיגען איין איד פאר׳ן צווייטען, כל ישראל ערבים זה לזה.